**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/24/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול נאמינירט דער פארעהרטער ריכטערין שירלי טראוטמען צו דעם ניו יארק סטעיט אפיעלס געריכט**

***ריכטערין טראוטמען האט געדינט אלס א פירנדע יוריסט אין מערב ניו יארק אויף באלד דריי צענדליג יארן***

***נאכ׳ן ווערן קאנפירמירט וועט ריכטערין טראוטמען ווערן די צווייטע בלעק פרוי אויף ניו יארק סטעיט׳ס העכסטע געריכט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן איר סעלעקציע פון דער פארעהרטער ריכטערין שירלי טראוטמען אנצופילן די קומענדע ליידיגע זיץ אויף דעם ניו יארק סטעיט אפיעלס געריכט. ריכטערין טראוטמען דינט איצט אלס אן אסאסיעט ריכטערין פון אפעלאט דיוויזיע פון דעם ניו יארק סטעיט הויכע געריכט׳ס פערטער געריכטיגער דעפארטמענט און איז געווען אן אנגעזעהענע יוריסט אין מערב ניו יארק אויף באלד דריי צענדליג יארן. די באשטימונג פון ריכטערין טראוטמען איז די לעצטע באמיאונג פון גאווערנער האקול צו דערהייבן פירער וועלכע פארטרעט די פארשידנמיניגקייט און ברייטפארנעמיגקייט פון דעם עמפייער סטעיט.

"איך שטאלציר מיך צו נאמינירן ריכטערין שירלי טראוטמען צו ניו יארק סטעיט׳ס העכסטע געריכט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ריכטערין טראוטמען האט גאונ׳ישע לעגאלע קענטעניס, א יושר׳דיגע ריכטערישע צוגאנג, גלענצנדע קוואליפיקאציעס און אן אנטשלאסנקייט צו גלייכבארעכטיגטע יוסטיץ וואס פירט איר צוגאנג פון דער ריכטערשאפט. איך בין קאנפידענט אז זי וועט דינען מיט אויסצייכענונג אויפ׳ן ניו יארק סטעיט אפיעלס געריכט."

ריכטערין שירלי טראוטמען איז א לעבנסלאנגע פובליק באדינערין. זי האט געדינט אלס אן אסאסיעט ריכטערין פון דעם אפעלאט דיוויזיע פון דעם ניו יארק סטעיט הויכע געריכט׳ס פערטע ריכטערישע דעפארטמענט זינט 2016. פון 2010 ביז 2016 האט זי געדינט אלס א ריכטערין פון דער הויכע געריכט, 8׳טע ריכטערישע דיסטריקט און האט פריער געדינט אלס ריכטערין אין ערי קאונטי פון 2003 ביז 2009. זי האט אנגעהויבן איר קאריערע אין דער ריכטערשאפט אין 1994, אויסגעוועהלט אלס א ריכטערין אויפ׳ן באפעלאו שטאט געריכט. ריכטערין טראוטמען האט באקומען איר געזעץ דיפלאם פון אלבאני יורישול, און איר באקאלאווראט פון דער סטעיט אוניווערסיטעט פון אלבאני. זי איז א לאנג-יעריגע איינוואוינער פון מערב ניו יארק.

אין צוגאב צו איר דינסט אויף געריכט איז ריכטערין טראוטמען געווען אן אקטיווע מיטגליד פון איר קאמיוניטי אין מערב ניו יארק. זי לערנט פאָר פאר סטודענטן ביי באפעלאו סטעיט און SUNY באפעלאו יורישול אלס אן אדזשונקט פראפעסאר, און איז מיט-פארזיצערין אויף ניו יארק סטעיט׳ס פראנקלין וויליאמס קאמיסיע, וואס טוהט ראטן די סטעיט׳ס געריכט סיסטעם אויף ענינים וואס באווירקן אויף ארבעטער און ליטיגאנטן פון קאלירטע אפשטאם. זי איז פרעזידענטקע פון דעם ניו יארק טייל פון דעם

נאציאנאלן אסאסיעשען פון פרויען ריכטער און א מיטגליד אין פילצאליגע ארגאניזאציעס, ווי צ.ב.ש. ערי קאונטי באַר אסאסיעשען, דער מינאריטעט באַר אסאסיעשען פון מערב ניו יארק, דער פרויען׳ס באַר אסאסיעשען פון מערב ניו יארק און דער ניו יארק סטעיט באַר אסאסיעשען. זי איז א שטאלצע מיטגליד פון דער דעלטע סיגמע טהעטע שוועסטערשאפט.

פריער דעם יאר איז ריכטערין טראוטמען אויסגעוועהלט געווארן דורך דער קאמיסיע אויף ריכטערישע נאמינאציע אלס איינע פון זיבן נאמינירטע קאנדידאטן פאר דעם קומענדן ליידיגן זיץ אויף דעם ניו יארק סטעיט אפיעלס געריכט. ריכטערין טראוטמען האט באקומען גלענצנדע אפשאצונגען פון ניו יארק׳ס לעגאלע קאמיוניטי, אריינגערעכנט אן אפשאצונג פון "גאר קוואליפיצירט" פון דעם ניו יארק סטעיט באַר אסאסיעשען, "אויסערגעווענטליך גוט קוואליפיצירט" פון דער ניו יארק סטעיט אקאדעמיע פון פראצעס אדוואקאטן, און "גאר קוואליפיצירט" פון דעם דעפענס אסאסיעשען פון ניו יארק.

**פרעזידענט פון דער NAACP ניו יארק סטעיט קאנפערענץ העיזעל דוקס האט געזאגט,** "איך בין אזוי באאיינדרוקט מיט גאווערנער האקול׳ס סעלעקציע פון ריכטערין שירלי טראוטמען צו דינען אויף דעם ניו יארק סטעיט אפיעלס געריכט. נישט נאר וואס ריכטערין טראוטמען האט די ריכטיגע פעאיגקייטן און קוואליפיצירונגען צו דינען אויף דעם סטעיט׳ס העכסטן געריכט, נאר זי האט אויך די לעבעדיגע ערפארונג צו פארזיכערן אז זי באגייט זיך מיט אלע וואס קומען קעגן איר מיט מיטלייד, מענטשליכקייט און עהרע. ווי דערהייטערנד צו זעהן א מיט-שוועסטער פון דעלטע סיגמע טהעטע, ריכטערין טראוטמען, שטייגן צו די העכסטע ראנגען פון פראפעסיאנעלע ערפאלג."

**יו-עס קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** "ריכטערין שירלי טראוטמען איז א יוריסט פון העכסטן ניווא, און זעלבסט-געשאפענע אטויריני און ריכטערין וואס האט געדינט מיט אויסצייכענונג ביי יעדן ראנג פון ניו יארק סטעיט׳ס ריכטערשאפט. איך בין שטאלץ צו האבן זיך באקענט שוין מיט ריכטערין טראוטמען נאך מיט צוויי צענדליג יארן צוריק, און איך בין איבערצייגט אז איר אנגייענדע דינסט וועט זיין א טובה פאר אלע מענטשן פון ניו יארק סטעיט."

**סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "דער פארעהרטער ריכטערין שירלי טראוטמען האט געווידמעט איר לעבן צו סערווירן איר קאמיוניטי, סיי דורך אויפהאלטן די געזעצן און ריכטיגקייט, און סיי דורך העלפן פארעמען די מוחות פון דעם קומענדיגן דור פון לעגאלע פראפעסיאנעלן. איר פירערשאפט איז אומפארגלייכבאר, און איר ברייטע ערפארונג און קענטעניס מאכן איר אן אומשאצבארע אייגנשאפט פאר ניו יארק און איר יוסטיץ סיסטעם. איך קוק ארויס אויף צו שטיצן גאווערנער האקול׳ס סעלעקציע פון ריכטערין טראוטמען אנצופילן דער וויכטיגער ראלע אזוי ווי איר נאמינאציע ווערט פאראויס-געפירט אין דעם סענאט."

**סענאטאר שעאן רייען האט געזאגט,** "איך גראטוליר ריכטערין שירלי טראוטמען אויף איר נאמינאציע און איך דאנק גאווערנער קעטי האקול פאר׳ן מאכן דעם היסטארישן אויסוואל פאר די ניו יארק סטעיט אפיעלס געריכט. איך האב געקענט ריכטערין טראוטמען פאר פילע יארן און דורך מיין ערשטהאנטיגע ערפארונג האב איך געפונען אז זי איז גאר א גוטע יוריסט וואס האט די ערפארונג און ארנטליכקייט צו ריכטיג באדינען די מענטשן אויף אונזער סטעיט׳ס העכסטע געריכט. ריכטערין טראוטמען באגייט זיך מיט יעדן איינעם מיט מענטשליכקייט און רעספעקט און איך ווייס אז איר פראפעסיאנעליזם וועט אדורך שיינען. איך קוק ארויס אויף צו שטיצן איר נאמינאציע ווען דער סענאט קומט זיך ווידער צונויף אין יאנואר."

**סענאטאר דזשעימס סענדערס דזר. האט געזאגט,** "איך שטיץ די באשטימונג פון ריכטערין טראוטמען אנצופילן דעם קומענדיגן ליידיגן זיץ ארט אויף דעם ניו יארק סטעיט אפיעלס געריכט. אירע יארן פון ערפארונג און לעבנסלאנגע טריישאפט צו פובליק דינסט מאכט איר גאר גוט צוגעפאסט צו דעם כבוד. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר איר גלענצנדע באשלוס אן איבערגעגעבנקייט צו פארשידנמיניגקייט אין אויסוועהלן אן אפריקאנע-אמעריקאנע פרוי פאר דעם פאסטן. אויב קאנפירמירט וועט ריכטערין טראוטמען זיין א מוסטער פאר אלע פרויען, איבערהויפט יונגע פרויען פון קאלירטע אפשטאם."

**אסעמבלי-מיטגליד מאניקע וואלאס האט געזאגט,** "ריכטערין טראוטמען האט זיך אויסגעצייכנט אלס אויסערגעווענטליכע יוריסט וואס האט די הינטערגרונד, לעגאלע קענטעניס, טבע און קלוגשאפט וואס נויטיגט זיך צו דינען אויף אונזער סטעיט׳ס העכסטע געריכט. זי איז שטארק אנגעזעהען פאר איר יושר׳דיגקייט, ארנטליכקייט, און אנטשלאסנקייט צו פארזיכערן אז יוסטיץ ווערט אויסגעפירט. איך לויב גאווערנער האקול פאר איר אויסגעצייכנטע אויסוואל צו דערהייבן ריכטערין טראוטמען צו דעם ניו יארק אפיעלס געריכט."

**אסעמבלי-מיטגליד דזשאנעטען ריווערע האט געזאגט,** "איך לויב גאווערנער האקול אויף איר נאמינאציע פון ריכטערין שירלי טראוטמען צו דעם סטעיט אפיעלס געריכט. ריכטערין טראוטמען וועט ברענגען א וועלט פון ערפארונג און פראפעסיאנעליזם צו דעם סטעיט׳ס העכסטן געריכט, און איר געניטע ארבעט אין שאפן מער גלייכע תוצאות אין ניו יארק׳ס יוסטיץ סיסטעם און נאך ווייטער וועט צוגעבן אן אומשאצבארע בליק."

**אסעמבלי-מיטגליד קערען מעקמעיהאן האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול׳ס נאמינאציע פון שירלי טראוטמען צו דעם ניו יארק אפיעלס געריכט. ריכטערין טראוטמען וועט ברענגען איר אויסערגעוועטליכע ערפארונג, קלוגשאפט, מיטגעפיל און שכל הישר צו דעם סטעיט׳ס העכסטן געריכט."

**אסעמבלי-מיטגליד ביל קאנרעד האט געזאגט,** "ריכטערין טראוטמען איז אן אנגעזעהענע יוריסט, געטרייע געריכט ראטגעבער און באליבטע פעדאגאג, און זי האט ארויסגעוויזן אן אומוואקלדיגע אנטשלאסנקייט צו יוסטיץ פאר יעדן. איר אומגעהויער-ברייטע ערפארונג אין דער ריכטערשאפט, אינאיינעם מיט איר לעגאלע קענטעניס, עצם׳דיגע יושר און איר אויסגעצייכנטע כאראקטער מאכט איר אידעאל צוגעפאסט צו די סטעיט׳ס העכסטע געריכט. איך בין שטאלץ און פארעהרט צו שטיצן איר נאמינאציע צו דעם אפיעלס געריכט."

**קאונטי עקזעקיוטיוו מארק פאלאנצארז האט געזאגט,** "עס פריידט מיך אז אלע ניו יארקער וועלן זיך באלד לערנען דאס וואס מערב ניו יארקער ווייסן שוין צענדליגע יארן: ריכטערין שירלי טראוטמען איז איינע פון די פיינסטע יוריסטן אין אונזער סטעיט. איך לויב גאווערנער האקול פאר׳ן מאכן אזא קלוגן אויסוואל און גראטוליר ריכטערין טראוטמען אויף איר באשטימונג צו דעם אפיעלס געריכט."

**אלבאני מעיאר קעטי שיהען** האט געזאגט, "קאנגראטולאציעס צו ריכטערי שירלי טראוטמען אויף דעם גאר חשוב׳ן כיבוד. מיין מיט-אלומנע פון אלבאני יורישול איז געווען א מוסטער פון א יוריסט שוין באלד 30 יאר און איך בין קאנפידענט אז זי וועט דינען די איינוואוינער פון ניו יארק סטעיט מיט אויסצייכענונג. איך לויב גאווערנער האקול אויף איר סעלעקציע פון ריכטערין טראוטמען צו דעם אפיעלס געריכט און איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו גלייכקייט און פארשידנמיניגקייט לענגאויס די סטעיט רעגירונג."

**טי. ענדרו בראון, פרעזידענט פון דעם ניו יארק סטעיט באַר אסאסיעשען, האט געזאגט,** "ריכטערין טראוטמען ברענגט צו דעם אפיעלס געריכט אומשאצבארע ערפארונג אלס א פראקורירער, פראצעס געריכט ריכטערין און אפעלאט ריכטערין. זי איז א ריכטיגער אדוואקאט פאר גערעכטיגקייט,

פארשידנמיניגקייט, און ארייננעמיגקייט. איר באשטימונג טוהט אונטערשטרייכן די וויכטיגקייט פון א פארשידנמיניגע ריכטערשאפט. מיר לויבן דעם גאווערנער אויף דעם אויסגעצייכנטן אויסוואל."

**בישאף דעריוס פרידזשען, פרעזידענט פון דעם באפעלאו אלגעמיינעם קאונסיל, האט געזאגט,** "פאר צענדליגע יארן האט ריכטערין שירלי טראוטמען סערווירט די מענטשן פון באפעלאו און ערי קאונטי אלס א רעספעקטירטע מיטגליד פון דער ריכטערשאפט. מערב ניו יארקער קענען שוין ריכטערין טראוטמען אלס א גאר אינטעליגאנטע און גאר קוואליפיצירט יוריסט וואס דינט איר קאמיוניטי מיט אויסצייכענונג. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר אויסוועהלן איינע פון באפעלאו׳ס פיינסטע פובליק באדינער פאר דעם ניו יארק סטעיט אפיעלס געריכט."

**געוועזענע מאנהעטען בארא פרעזידענטקע סי. ווירדזשיניע פיעלדס האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול׳ס אויסוואל פון ריכטערין שירלי טראוטמען צו דינען אויף ניו יארק׳ס אפיעלס געריכט. ריכטערין טראוטמען איז א געוואלדיג גוטער אויסוואל: איר שארפע לעגאלע שכל, איר פאנטאסטישע קרעדענשעלס, און איר איבערגעגעבנקייט צו פובליק דינסט מאכן איר א קלארע אויסגעצייכנטע קאנדידאט פאר די ריכטערשאפט. מיר מוזן שטענדיג שטרעבן פאר א מער פארשידנמיניגע געריכט סיסטעם."

**מאנראו קאונטי פובליק פארטיידיגער טימאטי פי. דאנעהער האט געזאגט,** "אלס א ריכטערין פון דער אפעלאט דיוויזיע, פערטע דעפארטמענט, איז ריכטערין טראוטמען שטענדיג צוגעגרייט און אויפמערקזאם און האט אן אויסגעצייכנטע ריכטערישע באנעמונג. זי איז סענסיטיוו צו ראסיעלע יוסטיץ פראבלעמען, און וויאזוי די פראבלעמען טוהען אפטמאל נעגאטיוו דורכשניידן מיט דער קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם. איך קוק ארויס אויף איר טעניור ביי דעם אפיעלס געריכט און איך גלייב אז זי וועט זיין א שטארקע אדוואקאט פאר אדרעסירן די אומגלייכקייטן אין אונזער קרימינאלע און פאמיליע געריכט סיסטעמס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן